בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ס"ז
שנת תשפ"א

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור


היתר עגונה ! ר' הערש לייב דער רב.............1
ברסלב האבן א רב אן ערליכן איד!..................2
דאנקען די פערד וואס האבן איהם געבראכט ...3
קמחא דפסחא בדרך כבוד.................................3
מצה מיט שמירת הברית איז 'מצה שמורה'.......4
פסח מישט מען זיך נישט ..................................5
אַ כשר'ן יו"ט - אָן שאלות..................................5
א גאסט אויף פסח...............................................6
דעם רבי'נס זאך .................................................8
אָבל בפורים.........................................................9
ראבר"נ בפורים......................................................9
עשה תשובה על "הריסה".................................10
הילדים של ראבר"נ...........................................11
דער רבי איז דא!.................................................11
"מיין פייער'ל וועט טליען"................................12
התקשרות לצדיק - תיקון הברית ..................12
חידושים של שבת..............................................14
שיחת חברים .......................................................15
"איר זענט מיין חיות".........................................19



להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

**לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 67**



©

כל הזכויות שמורות



**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:**

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443** (מארה"ק: **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**


כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של 15$

עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (+1)**

בס"ד

# ༄ פרשת תצוה, שנת תשל"ה ༄

(טייפ מס' 74#)

## היתר עגונה ! ר' הערש לייב דער רב

(השואל: פון וואו נעמט זיך היינט אזעלכע התנגדות? פון וואו האט זיך דאס גענומען?) **פונעם עץ הדעת! פון דעם חטא עץ הדעת איז געווארן א פגם, פון עץ הדעת איז עס געווארן![א]**

(השואל: ס'איז געווען נאך איינער פון אונזערע לייט וואס מען האט אויף אים געזאגט אזוי (אז ער איז ראוי צו זיין א רב בכל תפוצות ישראל), ר' שלמה קלוגער אדער?) **אה דו מיינסט פון ר' הערש לייב דער רב?**

בײ ר' הערש לייב דער רב איז אזוי געווען, ס'איז אן עגונה געווען, וואס איז ארומגעפארן, מען האט איר נישט מתיר געמאכט, און ר' הערש לייב דער רב האט איר מתיר געמאכט אז זי מעג חתונה האבן, אנדערע רבנים האבן נישט מתיר געמאכט, זיי האבן נישט געקענט מתיר מאכן און ר' הערש לייב האט איר מתיר געמאכט, איז געווארן א רעש, און איינער פון די רבנים איז געקומען קיין ברסלב - (מצד) זיין מגידות, איז ער געקומען, ס'איז עפעס א ברית איז געווען, האבן זיי [אים] מכבד געווען מיט סנדקאות און ר' הערש לייב דער רב איז געווען דער מוהל.

ר' הערש לייב איז געווען א פחד'יגער מענטש איז ער געווען, אז ער איז צוגעגאנגען געמאכט די ברכה, איז געווען א פחד, א יראה איז געווען. ער איז צוגעגאנגען, מען האט אים אויסגערופן דארטן, האלט ער דעם טלית איבערן קינד,

[א] מבואר באריכות כמה פעמים בליקוטי הלכות, ראה הלכות שבת הלכה ו' אות ד' ועוד. וז"ל בהלכות קרחה וכתבת קעקע הלכה ג' אות י"ב: וְעַל כֵּן מֵעֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע, מִשָּׁם הִשְׁתַּלְשְׁלוּת כָּל הַמַּחֲלֹקֶת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁכֻּלָּם נִמְשָׁכִין מִשָּׁם, שֶׁהוּא זֻהֲמַת הַנָּחָשׁ, שֶׁהוּא הַשּׂוֹנֵא הַגָּדוֹל שֶׁאֵינוֹ חָפֵץ בְּשָׁלוֹם. וַעֲמָלֵק הוּא זֻהֲמַת הַנָּחָשׁ וְהוּא אוֹרֵב תָּמִיד לְקַלְקֵל הַשָּׁלוֹם וּלְעוֹרֵר מַחֲלֹקֶת עַל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת.

ער איז סנדק! און ר' הערש לייב גייט צו ביי אים, [און גיט] א ווארף אוועק דעם טלית, און ער האט געמאכט א ברכה, מען איז געבליבן שטיין דערשראקן פון פון די ברכה.

און נאכדעם האט ער אנגעהויבן עפעס צו רעדן פונעם היתר עגונה, האט ער (ר' הערש לייב) אזוי געזאגט: **"צו איר זענט רבי, ווייס איך נישט, נאר לערנען קען איך! אז איר ווילט קענט איר שיקן די שאלה צו ר' שלמה קלוגער וועט איהר באקומען א תשובה, צו איך האב געקענט מתיר מאכן צו נישט".**

# ברסלב האבן א רב אן ערליכן איד!

ער האט אראפ געשריבן די שאלה, און דער שליח איז אוועקגעפארן קיין בראד צו ר' שלמה קלוגער, ביי ר' שלמה קלוגער איז געווען א בית דין, מען האט אים געזאגט אין דריי טעג זאל ער קומען וועט מען אים געבן דארטן די תשובה. דער שליח איז אריינגעקומען נאך דריי טעג, האט ער אים גענעבן דארטן אפגעשריבן די תשובה און שוין, און ר' שלמה קלוגער האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה. ווי ר' שלמה האט זיך געוואלט צושטעלן שמונה עשרה, ס'געווען ביי אים ספרים אסאך, האט ער געגעבן א כאפ ארויס א ספר און ער האט צוריסן אינגאנצן וואס ער האט אפגעשריבן פריער; פריער האט ער אפגעשריבן קעגן, ער האט צוריסן און רופט זיך אָן, **"זאגט ברסלב אז זיי האבן א רב אן ערליכן איד"!.**

❖

ער האט געזעהן די זאך אז פריער איז אים אריינגעגאנגען א געדאנק אז נישט, און איצטער איז אים אריינגעגאנגען א געדאנק עפעס א געוואלדיגע הוכחה אז עס איז יא גוט, האט ער געזעהן אז דאס איז עפעס א אנדער סארט רב, "זאגט ברסלב אז זיי האבן א רב אן ערליכן איד!" און ער איז געקומען אהיים מיטן היתר.

אזוי ווי דער רבי האט געזאגט: 'איך האב געזעהן אז מיינע לייט וועלן זיין ארימע לייט, האב איך גע'פועל'ט ביים אויבערשטן ס'זאל זיך דורך ווארפן א מיצל (עשיר[ב])'. אזוי איז געווען אין גאונות אויך, ס'האט זיך דורכגעווארפן א גאון ביי

[ב] התרגום של מיצל היינו כובע יפה (ראה עלים לתרופה שע"ד) והוא כעין כינוי לעשיר כיון שיש לו כובע יפה.

אונז, 'א טשעהרינער רב' אין טשעהרין, און 'ר' הערש לייב דער רב' דא (בברסלב), ס'איז נאך געווען גרויסע רבנים ביי אונז, ס'האט זיך דורכגעווארפן זיך אזוי, און זיי האבן זיי אביסל משתיק געווען -דורך געווארפן, א גביר מאכט אביסל שטילער, - האט מען געקענט (לסבול)- -

# דאנקען די פערד וואס האבן איהם געבראכט

דער רבי האט דאך נישט געוואלט ארויס קיין ברסלב סיידן ער זאל האבן ר' אהרן דער רב מיט זיך, ר' אהרן זאל זיין רב אין ברסלב, מען דארף דאך האבן א רב צו פסק'נען שאלות, מען מוז דאך האבן א רב.

(השואל: דער רבי האט געזאגט, נישט נאר אים דארף מען דאנקען, נאר דער פערד אויך!) יא יא, "מיר דארפן דאנקען די פערד וואס האבן אים געבראכט!"[ג].

❖ ❖ ❖

(כפי הנראה שואלים על זמן השיעור בשבוע הבא. ר' משה ביננשטאק: די אנדערע וואך? שושן פורים איז מיטוואך, דאנערשטאג איז גוט! דאנערשטאג איז שוין ט"ז) יא!

# קמחא דפסחא בדרך כבוד

אי"ה זונטאג וועל איך זיין אין בני ברק, וועגן 'קמחא דפסחא'.

ברוך השם איך בין שוין עוסק אין די מצוה עטליכע און צוואנציג יאר, דער אויבערשטער זאל העלפן ווייטער.

(רמ"ב: אין אומאן פלעגט איר אויך טהון אין דעם?) אין אומאן איז געווען א אנדער זאך - אין אומאן איז געווען גרויסע ארעמע לייט, און מיר פלעגן, מיט אליהו חיים'ען, פלעגן מיר כשר'ן א מיל, און קויפן ווייץ און איבערקוקן ס'זאל זיין כשר'ע ווייץ, כשר'ן א מיל, 'מצות', מען האט מיט אנדערע זאכן געהאלפן די ארעמעלייט, מצות, (הנוכחים: קמחא דפסחא ממש), דא איז דאך א אנדער זאך, דא גייט עם מער בדרך כבוד.

(השואל: דארטן איז שוין געווען מאשין מצות?) יא! אוודאי איז געווען, (אבל) מערערע מענטשן האבן געגעסן קיילעכיגע מצות (האנט מצות).

---

[ג] אבניה ברז"ל - שיחות וסיפורים מרביז"ל נ"ב.

(השואל: מען זאגט אויף ר' אברהם'ען אז) **ער האט זיך מתיר נדר געווען, ער איז געווען א קראנקער מענטש,** (הנ"ל: פלעגט ער עסן מאשין?) **יא! ער האט אכטונג געגעבן, יא, שוין, וואס ווילסטו וואס?!**

**שוין שוין, וואס דארפט איר רעדן די זייטיגע רייד, מיר האבן געהאט א שמועס באלד צוויי שעה, האבן מיר אנדערע דיבורים גערעדט.**

(ר' נתן אנשין: מיין זיידע ר' דוד שעכטער האט געזאגט, אז ער וויל נישט אריינגיין אין קיין חומרות עסט ער האנט מצה) **יא! אזוי ווי דער רבי האט נישט געהייסן קיין חומרות[ד] דערפאר עס איך קיילעכיגע מצה, הע, איך בין נישט מחמיר, איך עס קיילעכיגע, הע, שוין. ברוך השם מען איז מהדר, מיר האבן ברוך השם א ערשטן אויוון, און רחיים של יד, ברוך השם.**

(אחד הנוכחים: ר' מאיר אנשין פלעגט עסן 'מאשין') **איך וויים נישט, וואס דארף איך רעדן, וואס איז מיר א נפקא מינה?! מיר זאגן נישט קיין דיעות יענעם, איך שריי נישט אויס אין די גאסן אז ווער עס עסט מאשין מצה עסט חמץ פסח.**

# מצה מיט שמירת הברית איז 'מצה שמורה'

(אחד הנוכחים: מען זאגט אז ביים רבי'ן איז געלעגן א מצה פשוטה) **דער רבי האט אנגענומען, דייקא גענומען א מצה פשוטה און ער האט געזאגט, 'מצה' מיט 'שמירת הברית' איז 'מצה שמורה',** (אחד הנוכחים: ער האט אזוי געוויזן אויף זיך) **'מצה מיט שמירת הברית איז מצה שמורה'.**

**און דער רבי אליין האט געגעסן מצה שמורה און ער האט נישט געבראקט, און נישט די מצה איינגענעצט, נאר דער דיבור איז פון רבי'ן דא, ער האט גענומען א שטיקל מצה אין האנט, 'מצה און מיט שמירת הברית איז מצה שמורה.**

---

[ד] בשיחות הר"ן רל"ה, ז"ל שם: וְגַם בְּעִנְיַן הַחֻמְרוֹת יְתֵרוֹת בְּפֶסַח לֹא הָיָה מַסְכִּים כְּלָל עַל הַמַּרְבִּים לְדַקְדֵּק יוֹתֵר מִדַּאי וְנִכְנָסִים בְּמָרָה שְׁחוֹרוֹת גְּדוֹלוֹת וְהֶאֱרִיךְ בְּשִׂיחָה זוֹ אָז כִּי אִישׁ אֶחָד מֵאֲנָשֵׁינוּ שָׁאַל לוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁאֵלָה אַחַת בְּעִנְיַן אֵיזֶה חֻמְרָה בְּפֶסַח אֵיךְ לְהִתְנַהֵג. וְאָז הִתְלוֹצֵץ מִמֶּנּוּ מְאֹד. וְהִרְבָּה לְדַבֵּר מֵעִנְיָן זֶה שֶׁאֵין צְרִיכִין לְחַפֵּשׂ אַחַר חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת וְשִׁגָּעוֹן וּבִלְבּוּלִים. וע"ש עוד.

(השואל: דער רבי האט אנגענומען די מצה אין די האנט און געזאגט אז א איד נעמט אן א מצה אין האנט, נעמט ער אן השי"ת אין האנט?) (רמ"ב: ר' נחמן טולטשינער האט געזאגט, שבת א שטיקל) - **א שטיקל קוילימש – א שטיקל אלקות**[ה]**!**

(השואל: [על הנ"ל] ביים רבי'ן איז געווען, דער רבי איז געזעצן, און די פשוטה איז געלעגן ווייטער, און די שמורה איז געלעגן פריער, און איז געגאנגען און גענומען די פשוטה?) **דאס איז אלץ שוין - מען וויל אלץ פארפוצן! א דיבור פונעם רבי'ן קען מען נישט זאגן גלייך! מען מיז אים פארפוצן** (און זאגען אז ס'איז) **געלעגן ווייט!**

# פסח מישט מען זיך נישט

און ווייטער, - דער רוב מענטשן האבן געגעסן קיילעכיגע מצות, און אז מען האט געקענט האבן שמורה האט מען געגעסן שמורה מצה, און מען האט נישט געבראקט, נאר יענעם זאגן דיעות האט מען נישט געזאגט, מישן זיך צו יענעם האט מען זיך נישט געמישט זיך.

(השואל: מען פלעגט גיין עסן ביי א צווייטן? 'פסח' נישט מישן זיך מיט יענעם אזא חומרא?) **פסח מישט מען זיך נישט! מען מישט זיך נישט פסח!**

אז ס'מאכט זיך ביי יענעם א שאלה, די גאנצע כלים מוז מען אלעם כשר'ן, ארויסווארפן - - דער אויבערשטער זאל אפהיטן! אז מען געפינט דארטן א ווייצל אין א טעלער, די גאנצע כלים וואס ס'איז דא אין שטוב מוז מען אלעם אוועקשטעלן פסח, איז וואס דארף מען זיך מישן איינער מיטן צווייטן?! מישט מען זיך נישט! מען בארגט נישט איינער פונעם צווייטן (השואל: נישט בארגן, עסן ביי יענעם?) אויך נישט, אויך נישט, ווייל יעדער האט זיך דארטן זיינע חומרות, זיין גאנג, זיינע וועגן.

# אַ כשר'ן יו"ט - אָן שאלות

איך האב געהערט אז ר' שמואל יצחק דער רב (מטשעהרין) פלעגט ארומגיין אחרון של פסח אין אלע הייזער, 'א כשר'ן פסח', א גוטן יו"ט, א כשר'ן פסח, א גוטן יו"ט, ארומגעגאנגען מיט א שמחה, 'אן שאלות!' יא - א כשר'ן יו"ט אן שאלות! א גוטן יו"ט,

[ה] ע"פ מ"ש רבינו בתורה נ"ז אות ה': אֲכִילַת שַׁבָּת, נַעֲשֶׂה קְדֻשָּׁה וֶאֱלֹקוּת גָּמוּר. ובתורה קכ"ו ותורה רע"ז: אֲכִילַת שַׁבָּת הִיא כֻּלָּהּ אֱלֹקוּת כֻּלָּהּ קֹדֶשׁ וכו'.

ס'איז געווען אידן - געהאט מסירות נפש, אידן ארעמע לייט, גיי אריין יענעם זאגן דיעות?!

(אחד הנוכחים: די מעשה מיט די סוכה, האט דער רבי אויך געזאגט) **טאקע אויך אזוי**[ו].

עס שטייט אזוי דאכט זיך פון דעם בני יששכר[ז]? ברענגט ער אזוי, א זאך וואס ס'איז נוגע צום שלחן ערוך - מיר זענען דאך אידן - מיר האבן דאך מקבל געווען די תורה, אבער א זאך וואס איז נוגע צו א חומרא זאל מען זיך היטן קיינער זאל נישט ויסן, ווייל אז נישט איז שוין יונק די סטרא אחרא פון דעם.

א זאך וואס איז נוגע צו א חומרא זאל מען זיך היטן קיינער זאל נישט ויסן דערפון אז איך האב אין זיך די חומרא, ווייל אז נישט איז די סטרא אחרא האט שוין א יניקה פון די חומרא, א זאך וואס איז די תורה דארף מען שרייען אין די גאסן – א זאך וואס איז א דבר תורה דארף מען שרייען אין די גאסן, מיר האבן מקבל געווען די תורה - א זאך וואס ס'איז שוין א חומרא, נאר אידן האבן זיך חומרות, אונזערע לייט האבן אויך חומרות, אבער די חומרות טאר שוין קיינער נישט ויסן, דאס דארף שוין ויסן דער אויבערשטער אליין.

(ר' נתן אנשין: שמרינו ה', כי חסיד אני)

# א גאסט אויף פסח

(השואלים: אז מען קומט זיך צוזאמען אויף א סעודה, שלש סעודות אדער וואס?) **פסח קומט מען זיך גארנישט צוזאמען, שבת שלש סעודות גיי איך אהיים נאך מנחה, מען וואשט זיך,**

---

[ו] באבניה ברז"ל (שיחות וסיפורים מרביז"ל, י"ז) ז"ל: אִישׁ אֶחָד עָשָׂה סֻכָּה יְקָרָה וְעָלָה לוֹ בִּסְכוּם רַב וּבִקֵּשׁ אֶת רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל עַל קִדּוּשׁ לְהַסֻּכָּה, וְהָלַךְ עִמּוֹ מוֹהַרְנַ"ת, וְהֵעִיר מוֹהַרְנַ"ת שֶׁהַסֻּכָּה אֵינָהּ כְּשֵׁרָה כָּל כָּךְ עַל פִּי הַדִּין, וְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שָׁתַק וּכְשֶׁרָאָה מוֹהַרְנַ"ת, שֶׁרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל שׁוֹתֵק, שָׁתַק גַּם הוּא. בַּדֶּרֶךְ חֲזָרָה אָמַר לוֹ רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל: "יְהוּדִי שֶׁמְּיַגֵּעַ עַצְמוֹ כָּל כָּךְ וּמוֹצִיא כָּל כָּךְ הוֹצָאוֹת עַל הַסֻּכָּה, אַתָּה בָּא לְפָסְלָהּ מֵחֲמַת חֻמְרוֹת יְתֵרוֹת וְלִשְׁבֹּר רוּחוֹ?

[ז] כעין זה איתא בספר מסילת ישרים פרק כ': הִנֵּה חַיָּב הָאָדָם לִשְׁמֹר כָּל הַמִּצְוֹת בְּכָל דִּקְדּוּקֵיהֶם לִפְנֵי מִי שֶׁיִּהְיֶה, וְלֹא יִירָא וְלֹא יֵבוֹשׁ, וְכֵן הוּא אוֹמֵר "וַאֲדַבְּרָה בְעֵדֹתֶיךָ נֶגֶד מְלָכִים וְלֹא אֵבוֹשׁ". וְכֵן שָׁנִינוּ "הֱוֵי עַז כַּנָּמֵר" וכו'. אָמְנָם גַּם בָּזֶה צָרִיךְ חִלּוּק וְהַבְחָנָה, כִּי כָּל זֶה נֶאֱמַר עַל גּוּפֵי הַמִּצְוֹת שֶׁחַיָּבִים אֲנַחְנוּ בָּהֶם חוֹבָה גְּמוּרָה, שֶׁבָּהֶם יָשִׂים פָּנָיו כַּחַלָּמִישׁ, אַךְ יֵשׁ אֵיזֶה תּוֹסְפוֹת חֲסִידוּת, שֶׁאִם יַעֲשֶׂה אוֹתָם הָאָדָם לִפְנֵי הֲמוֹן הָעָם יִשְׂחֲקוּ עָלָיו וְיִתְלוֹצְצוּ, וְנִמְצְאוּ חוֹטְאִים וְנֶעֱנָשִׁים עַל יָדוֹ, וְהוּא הָיָה יָכוֹל לְהַנִּיחַ מִלַּעֲשׂוֹת הַדְּבָרִים הָהֵם, כִּי אֵינָם חוֹבָה מֻחְלֶטֶת, הִנֵּה דָּבָר כָּזֶה וַדַּאי שֶׁיּוֹתֵר הָגוּן הוּא לֶחָסִיד שֶׁיַּנִּיחֵהוּ מִשֶּׁיַּעֲשֵׂהוּ, וְהוּא מַה שֶּׁאָמַר הַכָּתוּב "וְהַצְנֵעַ לֶכֶת עִם אֱלֹהֶיךָ", וְכַמָּה חֲסִידִים גְּדוֹלִים הִנִּיחוּ מִמִּנְהֲגֵי חֲסִידוּת בִּהְיוֹתָם בֵּין הֲמוֹן הָעָם, מִשּׁוּם דְּמֶחֱזֵי כְּיֻהֲרָא.

און בענטש און מ׳קומט צו גיין אין שול לערנט מען א מאמר פונעם רבי׳ן, און אייניגע וואשן זיך יא אין שול, מען עסט א שטיקל מצה און שוין.

(רמ"ב: אונזערע לייט האבן קיינמאל נישט געגעסן ביי אייך - ווען א אנדערער איז געקומען קיין אומאן אויף פסח?) כ׳וועל דיר זאגן, אז יענער וויל עסן ביי מיר – געזונטערהייט, האט מען אן אורח אויף יו"ט, פארוואס נישט?! מען רעדט דאך אז איך זאל עסן ביי יענעם - דאס רעדט מען דאך! אבער יענער עסן ביי מיר – געזונטערהייט! א איד וויל עסן! ער האט נישט זיינע! פארקערט, אז מען האט געקענט האבן יו"ט אן אורח איז א גאנצע זאך געווען.

פסח מישט מען זיך נישט, מען בארגט נישט קיין כלים, אזוי איז די שטייגער, נו יעדער איינער האט אין זיך זיין גאנג, זיינע חומרות.

מיר האט איינער דערציילט דא, אז ער איז געווען ביים בערזשאנער רב, ר׳ שלום שוואדראן, איז אריינגעקומען איינער א איד א פראסטער מענטש, איז געזעצן א רב, געזעצן לעבן אים, און יענער האט געטראגן אויפן אקסל א פעסל בארשט, מיט א בעזים אין האנט, דאס איז געווען א פעסל בארשט אויף פסח. ער קומט אריין און זאגט: "רבי, איך האב אויסגעקערט די שטוב און ס׳האט זיך צוגעריבט דער בעזים צו די פעסל בארשט, ס׳איז א שאלה אויף די בארשט צו נישט?׳ ער האט געקלערט און געקלערט, זאגט ער אים: "פארוואס האסטו געדארפט ברענגען די פאס בארשט?" (ענה הנ"ל:) "דער רבי זאל זעהן צו ס׳איז דא שישים קעגן בעזים"... טראכט ער קודם, און זאגט אים: "נו, ס׳איז כשר! ס׳איז כשר!" זיצט דארט דער רב (שהיה על ידו) האט ער געגעבן א שמייכל, (אמר לו רבי שלום:) "טשעפעט נישט, דער איד מיינט ערנסט!" "אויבן איז א רעש אין הימל פון זיין ערנסטקייט!"

ער ברענגט א פאס בארשט אויף די פלייצע מיט א בעזים אין האנט פרעגן דעם רב א שאלה דער רב זאל זעהן צו ס׳איז דא שישים, יענער האט געלאכט - - - לאך נישט!

א איד האט א ערנסטקייט, ערב פסח שלעפן אויף די פלייצע א פאס בארשט, זיך אפרייסן די קישקעס מיט א בעזים אין האנט, א תמימות ופשיטות, אויבן איז א געוואלדיגער (נחת רוח דערפון).

מען דערציילט דאך, אין בעל שם'ס צייטן איז געווען א פראסטער מענטש און ער איז געווען אין פעלד און ער האט נישט געהאט קיין סוכה, האט יענער גענומען דעם קאפעלוטש און ער האט אויסגעלעכערט א לאך און האט אויבן געמאכט סכך, אזוי אויפן קאפ, זיצט ער אונטער א סוכה... האט מען דאך געלאכט, האט דער בעל שם אויך געזאגט אז אין הימל איז א רעש פון דעם, אין הימל רעש'ט זיך פון דער זאך, ס'איז א ענין פון ערנסטקייט.

## דעם רבי'נס זאך

שוין. דעם רבי'נס זאך איז אז מען זאל נישט קוקן אויף קיין חסרונות איינער אויפן צווייטן, נאר וואס דען? אז מען זעהט עפעס א זאך, רעדט מען מיט יענעם בדרך ידידות, און יענער זאל פילן אז איך בין אים א גוטער פריינד, איך מיין נישט קיין שום (פגיעה) חלילה.

אז איך זעה יענער טוט אן עוולה, דארף מען בעטן דעם אויבערשטן ווי אזוי איך זאל מיט יענעם רעדן, אז יענער זאל נישט מיינען (שלעכטס), יענער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך, ער זאל נישט ווערן פארשעמט, אז די תורה הייסט מיר זאגן, איך בין מחויב צו זאגן יענעם, אבער זיך צוגרייטן ווי אזוי איך זאל יענעם זאגן! באופן אז יענער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך, יענער זאל נישט ווערן דערווייטערט, דאס איז נישט קיין קלייניקייט ביי אונז, איינער קען אמאל יענעם זאגן א זאך וואס ער איז יענעם מבייש, כאטש ער זאגט לדבר מצוה, האט ער געוואלדיג (קאליע געמאכט) דער זאגער.

ווי זאגט ר' טרפון: "תמה אני אם יש בדור מי שראוי להוכיח". עס שטייט דאך א מצוה אין די תורה, "הוכח תוכיח עמיתך"?! (פונדעסטוועגן) תמה אני אם יש בדור הזה מי שראוי להוכיח! דער רבי ברענגט דאך אין די תורה (תנינא ח') פון 'תיקעו תוכחה', זעהט מען דאך ארויס אז דעם רבי'נס זאך איז אזא מין ערנסטקייט, אזא מין תמימות, אז א יעדע זאך דארף מען מיט ישוב הדעת.

מען האט שוין כמה פעמים גערעדט דעם ענין, די משנה זאגט: "ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו", א משנה! א משנה אין אבות[ח], דו זאלסט אים נישט וועלן

[ח] פרק ד' משנה י"ח.

זעהן בשעת יענער זינדיגט! 'בשעת קלקלתו'. אז איך זעה איינעם זינדיגן, איך זאל אים ראטעווען ער זאל נישט זינדיגן איז עפעס אנדערש, אבער יענער זינדיגט דאך, וויל נישט יענעם אנקוקן בשעת ער זינדיגט, ווייל יענער ווערט פארשעמט און ס'קען אים אהינצו פירן אז ער זאל ווערן נאך ערגער אויך, וויל יענעם נישט אנקוקן בשעת ער זינדיגט, זעהען מיר דאך ארויס, א משנה אין אבות, ס'איז א מצוה פון מוכיח זיין יענעם, נאר פונדעסטוועגן דארף זיין מיט א גרויסן ישוב הדעת - אז נישט קען עס מאכן קילקולים:

# אָבל בפורים

(כנראה שמדברים אם אָבל יכול לקרוא המגילה לציבור)

איך האב געמאכט דעם 'שהחיינו', פאר צוויי יארן. יצחק איז געווען אן אבל, 'יצחק כהן', האט ער (געליינט), אבער דעם שהחיינו האב איך געמאכט, ס'איז דא דיעות (אבל למעשה כך נהגנו) ער האט געמאכט נאר צוויי ברכות.

(השואל: זיך אנטרינקן מעג מען? א אבל אויף א טאטן אויף א מאמען?) קען זיין אז יא!

(השואל: מען רעדט דאך ער טרינקט זיך אן, ער ווערט פרייליך, און טאנצן?) אויב ער פילט ביי זיך אז ער קען זיך אנטרינקן און ווערן גוט שיכור און לייגן זיך שלאפן און מקיים זיין דעם 'חייב לבסומי', קען ער טאן! אבער אזוי, ער איז דאך פארט אן אבל.

ר' געצ'ע איז געווען אן אבל פורים (רמ"ב: ווער איז אוועק?) די מוטער. פורים. (רמ"ב: ז' איז אוועק נאך זיין טאטן?) זיין פאטער האט געלעבט שפעטער.

געדענק איך דעם פורים, ר' געצע איז געקומען, געזעצן ביי ר' שמשון'ען, געזעצן ביים טיש, אבער ער האט נישט געטרונקען, אינעם זעלבן טאג, אינמיטן שבעה, דעם טאג, געזעצן ביי די סעודה פון דערווייטנס,

(השואל: דער גאנצער עולם איז געזעצן ביי ר' שמשון'ען?) יא, און ער איז געזעצן פון דערווייטנס.

# ראבר"נ בפורים

(השואל: און ר' אברהם ר' נחמן'ס?) ר' אברהם ר' נחמן'ס, עפעס ער איז געווען, אינדערפרי נאך די מגילה איז ער אוועקגעגאנגען און געקומען פארנאכט, מען האט

נישט געוואוסט וואו ער איז, ער האט געהאט דארטן זיינע ערטער, ער איז געווען פארבאהאלטן, ער איז אריינגעקומען מיט א שמחה פארנאכט, (השואל: ער האט געטרונקען?) נע, ער איז געווען א קראנקער מענטש, ער האט נישט געטארט טרינקן. (השואל: קיינמאל נישט געטרונקן?) ווייס איך נישט, איך ווייס אז ער האט נישט געטארט טרינקען,

(אחד הנוכחים: אין די אינגערע יארן האט ער געטרונקען אין פעלד - אפשר?) קען זיין.

(השואל: ר' אברהם ר' נחמן'ס פלעגט זאגן אויף יענע מענטשן אז ס'איז הריסה?) ער פלעגט נישט זאגן יענעם אין די אויגן, דו האסט הריסה, ער האט גערעדט א שמוע'ס, ער האט גערעדט א שמועס פון הריסה[ט]! נאר זאגן יענעם, דו ביסט עס - איז קיינמאל נישט געווען. אז ער האט גערעדט א שמועס פון הריסה האט יעדער איינער געוואוסט אז ס'איז דא הריסה. און ער האט גערעדט! הא הא.

## עשה תשובה על "הריסה"

עס איז געווען (באומאן) א גרויסער ערליכער איד א גרויסער עובד, אבער ס'איז געווען אביסל הריסה אויך, און נאכדעם האט ער זיך אליין געכאפט זיך שוין.

ער האט מפקיר געווען אינגאנצן די ווייב און קינדער, ער האט געהאט קינדער, טייערע קינדער, זיי זענען אוועק, ער איז נאר געווען תורה מיט תפילה און אלעס, און די קינדער זענען פארפרוירן געווארן, פארהונגערט געווארן, נאס געווארן, און נאכדעם האט ער זיך שוין געכאפט זיך אז ס'איז שלעכט, ער האט געקויפט א קוה איז געווען מילך, ער האט געגעבן די קינדער מילך, ער האט געהאט א קוה אליין, ער האט גערארפט אליין זיך באנעמען מיט די קוה, אפהיטן, האט ער שוין געהאט אביסל חרטה, ער האט שוין נאכדעם געטאן תשובה. אבער פארדעם האט ער גארנישט געהאט קיין שייכות מיט קיין קינדער, וואס, ווען, וואס? ס'איז געווען הריסה.

---

[ט] ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה ט': לִפְעָמִים, כְּשֶׁמְּנַשֵּׁב רוּחַ סְעָרָה, אֲזַי הוּא מַבְעִיר הָאֵשׁ מְאֹד חוּץ מִן הַמִּדָּה. כְּמוֹ כֵן לִפְעָמִים יֵשׁ שֶׁמְּנַשֵּׁב בְּהָאָדָם בְּחִינַת רוּחַ סְעָרָה, וּמַבְעִירוֹ בְּיוֹתֵר חוּץ מִן הַמִּדָּה, שֶׁזֶּה בְּחִינַת הֲרִיסָה, בְּחִינַת (שְׁמוֹת י"ט): "פֶּן יֶהֶרְסוּ לַעֲלוֹת אֶל ה'" וְכוּ', כִּי 'בְּמֻפְלָא מִמְּךָ אַל תִּדְרשׁ' (חֲגִיגָה יג), וְאָסוּר לַהֲרֹס לַעֲלוֹת אֶל ה' מַה שֶּׁאֵינוֹ רָאוּי לוֹ לְפִי בְּחִינָתוֹ. עַל כֵּן כְּשֶׁרוֹאֶה אָדָם שֶׁבּוֹעֵר בְּיוֹתֵר חוּץ מֵהַמִּדָּה, יֵדַע שֶׁזֶּה בְּחִינַת רוּחַ סְעָרָה כַּנַּ"ל.

# הילדים של ראבר"נ

(אחד הנוכחים: ר' אברהם ר' נחמן'ס קינדער, זיי זענען אוועק דא. דא איז געווען א טיפוס דא, זי געדענקט די קינדער, די פרומע אנשין).

אוודאי געדענקט זי, א הונגער געווען, ביי דעם טערק, דער טערק האט געהאלטן די מלוכה, מען האט נישט אריינגעלאזט, ס'האט זיך אפגעטאן, מענטשן זענען געשטארבן אין די גאסן רח"ל, די וואס זענען אנטלאפן קיין מצרים, אסאך זענען אנטלאפן קיין מצרים, זענען זיי געבליבן לעבן, דארטן איז געווען עסן.

# דער רבי איז דא!

-(לומד בתורה כ"ט בענין בתר דשכב רבי שמעון אמר חד לחבריה אל תתן את פיך וכו' וא"כ איך אנו מדברים מתורת רביז"ל בתר דשכיב? כפי הנראה אמר לפני זה תירוץ אחד ועכשיו מוסיף לתרץ) נאך א זאך, ביי ר' שמעון'ען איז געווען נאר סתרי תורה, סתרי תורה, השגות אלקות, נישט יעדער איינער איז געווען ראוי צו די תורה, איז א אנדער זאך, ס'איז דא אזעלכע וואס זענען נישט געווען ראוי צו די תורה, טאמער האט איינער געזאגט, האט ער געדארפט וויסן פון וואנעט זאגט ער עס, פון וועלכן מקור, פון וואנעט האסטו עס גענומען, אייגענע זאכן האט מען נישט געטארט זאגן, מען האט זיך געהיט זייער מען זאל נישט רעדן אזוי שטארק, ווייל ר' שמעון איז שוין נסתלק.

אבער רעדן אזוי (שיחות מרבינו) – מען ווייסט אז דער רבי איז דא, דעם רבי'נס זאך לעבט!

און חלילה נישט - ביי אונז איז נישטא דער געדאנק אז ס'איז בתר דשכיב רבי שמעון! ממילא דארף מען רעדן! פארקערט מען דארף וואס מער רעדן (מדברי רבינו).

די הלכה[י] האבן מיר געלערנט היינטיגן סוכות, אין דעם רבי'נס הילולא, ס'איז א בילבול געווען מיט דעם 'רמקול' (מייק), ס'האט נישט געארבעט גוט, ס'איז געווען א בלבול, מען האט נישט געהערט גוט, אבער די הלכה האט מען געלערנט דעם סוכות,

[י] הלכות שלוחין הלכה ה'.

ס'איז זייער א לאנגע הלכה, רבי נתן ברענגט דארטן דעם זוהר, ביי משה רבינו: 'וימת' איז נאר מסטרא דילן, ביי אונז, אבער ער אליין לעבט![יא]

(ר' יוחנן גאלאנט: מסטרא דילן – דארפן מיר דאך גלויבן אז ער לעבט!) דארף מען גלייבן!

הכלל, מיר אליין דארפן זיך אויך דאס גוט איינ'חזר'ן אז דעם רבי'נס זאך איז א לעבעדיגע זאך, ס'איז נישט קיין געשטארבענע זאך, ס'איז נישט קיין געשטארבענע זאך, ס'לעבט! אדרבה! איז דעמאלט עפן דאס מויל און רעד וואס מערער! רעד! רעד!

## "מיין פייער'ל וועט טליען"

(ר' יוחנן: דער רבי האט געזאגט אז ס'וועט טליען!) יא! טליען! וואס הייסט טליען? טליען איז נישט פארלאשן, אבער ס'הערט נישט אויף!

טליען - קיין שטארקער פייער איז עס נישט - ביי טליען, אבער ס'הערט נישט אויף! טליען קען זיך אפטוהן יארן יארן, יארן, יארן, אבער עס טליעט![יב]

ס'איז נאך איצטער דא אזעלכע אידן וואס פאלגן דעם רבי'נס עצות, און ערליכע אידן, גרויסע ערליכע אידן, ס'איז דא.[יג]

## התקשרות לצדיק - תיקון הברית

(ממשיך בלימוד התורה) וזה למען יזמרך כבוד ולא ידום וכו'. כפי הנראה מדבר ממ"ש רבינו שם שע"י תיקון הברית יכול לדבר - - - ער מוז רעדן, זיין רעדן איז געוואלדיגע תיקונים.

---

[יא] עיין בהלכה הנ"ל אות י"א.

[יב] אַף עַל פִּי שֶׁיָּצָא מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ: "מַיין פַייעֶרְל וֶועט שׁוֹין טְלוֹאִין בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען" "הָאֵשׁ שֶׁלִּי תּוּקַד עַד שֶׁיָּבוֹא הַמָּשִׁיחַ", מוּכְרָח בְּכָל זֹאת כָּל אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לְהַמְצִיא לָזֶה אִתְעֲרוּתָא דִּלְתַתָּא כָּל יְמֵי חַיָּיו כִּי כְּפִי עֶצֶם פֵּרוּשׁ "טְלוֹאִין" הִבְהוּב, יֵשׁ בָּזֶה לְצַדֵּד בְּפֵירוּשִׁים שׁוֹנִים, כִּי גַּם אִם לֹא נִשְׁאַר מֵהַתַּבְעֵרָה וְהַמּוֹקְדָה רַק נִיצוֹצוֹת קְטַנּוֹת וּמְעַטּוֹת נִקְרָא זֹאת בִּלְשׁוֹנֵנוּ בְּשֵׁם "טְלוֹאִין" הִבְהוּב. (שיחות וסיפורים ג').

[יג] ראה פרפראות לחכמה תורה ס"א וז"ל: וכנראה בחוש אשר זה יותר מששים שנה אחר הסתלקותו ז"ל, והאש הקדוש של אמונת חכמים בו ז"ל ובחיבוריו הקדושים ובכל הצדיקי אמת בוער בלב אנ"ש עד אין סוף ממש, ומשתדלים לעסוק בעניניו ז"ל בכל פעם בהשתדלות יתירה ביותר להפיץ מעיינותיו חוצה להדפיס חיבוריו ז"ל, ולבנות בניניו הקדושים, ולעסוק בכל ענייניו עלצ צד היותר טוב וככר יש רבים מאנ"ש אשר כמעט שלא הכירו ולא ידעו ולא ראו גם שום אחד מתלמידיו הקדושים ז"ל, ואף על פי כן בוער בלבם עסקיו ועניניו של רבינו הקדוש ז"ל כאש יוקדת ממש, ושותים בצמא את כל דבריו ודברי תלמידיו הקדושים ז"ל, והם עליהם ממש כמים קרים על נפש עיפה, ועובדים את ה' באמת בכל לבם ובכל נפשם, והכל בכח קדושת ההתנוצצות הארת הדעת הקדוש שנשאר בעולם מרבינו הקדוש ז"ל על ידי חיבוריו ותלמידיו הקדושים.

נאך א זאך, תיקון הברית דארף האבן א התקשרות צום דעם צדיק, דער רבי זאגט אין די תורה פ"ג אז תפילה איז די זאך פון חיצים, ברית איז קשת, דער קשת איז טאקע דער אמת'ער צדיק, ער איז דער קשת, יעדער איינער דארף ארייגלייגן די חיצים אין דעם קשת, דאס איז התקשרות צו דעם צדיק, ער איז דער קשת, און אז די תפילה איז בהתקשרות צו דעם צדיק - דאס אייגענע דארף זיין ביי דיבורים אויך, ביי תורה אויך, דורך התקשרות צו דעם צדיק - ער איז דער קשת הברית, אז מען איז זיך מקשר צו דעם צדיק, האט שוין דער דיבור א שלימות, ס'דארף אויך זיין מיט אן אמת, התקשרות!

התקשרות דארף זיין נישט נאר ביי תפילה, ביי תורה אויך! יעדער מצוה איז דא א ענין פון התקשרות, דעמאלט האט עס א שלימות – אז נישט הייסט עס 'מחוסר תיקון', עס פעלט!

אויף דעם שבועות (תקס"ו, כשאמר תורה זו) איז געקומען צום רבי'ן איינער וואס האט געבראכט דארטן א מיידל, זי איז געווען שטארק מיט די חולאת 'חולי נופל', דערמאנט שוין דער רבי דא אין דער תורה דאס אויך[י].

וזה בחינת חולי נופל רח"ל, היינו כשהדמים מתגברין והם מתיזין להמוח, ועי"ז נלחץ המוחין, און די אברים הייבן אן שטארעמען, נעמט זיך דאס חולאת וואס ער פאלט, ווארום דער מח איז דער 'שר צבא', אינגאנצן דער בעל בית פון דער מענטש איז אליץ דער מח, און אז דער שונא קומט אן אויף דעם שר צבא, איז אלע אברים - כל צבאיו - אלע שטורעמען, אלע הענגן דאך אן אין אים, אלע הענגן אן אין מח, ואזי השכינה נופלת ח"ו, בבחי' סוכת דוד הנופלת, דערפון ווערט דאס חולאת פון חולי נופל, אבער דורך תיקון הכללי איז ער ממשיך די מוחין.

דער עיקר איז דאך תיקון המוחין, מען איז ממשיך לבנונית להגידין, בבחינת "בכל עת יהיו בגדיך לבנים" אזי נתרפאת מחולאת הנפילה, ואז "נפלה ולא תוסיף קום בתולת ישראל". זי האט טאקע א רפואה געהאט (אותה נערה - בתולה חולנית שאביה הביא אותה לרבינו), אז מען קומט טאקע צו דעם צדיק, מען איז געקומען צום רבי'ן וואס ער

[י] בחיי מוהר"ן כ': הַתּוֹרָה 'הַאי מָאן דְּאָזֵל לְמִנְסַב אִתְּתָא' בְּסִימָן כ"ט אָמַר בְּשָׁבוּעוֹת תקס"ו לִפְרָט קָטָן, וּבְאוֹתוֹ הָעֵת לָבַשׁ פַּעַם רִאשׁוֹן בְּגָדִים לְבָנִים וְאָז נִכְלַל בְּתוֹךְ הַתּוֹרָה בְּחִינַת בְּגָדִים לְבָנִים עַיֵּן שָׁם. וְגַם אִישׁ אֶחָד הֵבִיא בִּתּוֹ הַבְּתוּלָה שֶׁהָיָה לָהּ חֳלִי נוֹפֵל רַחֲמָנָא לִצְלַן, וְגַם הֵבִיא יַיִן וְכוּ' וְכָל זֶה נִכְלַל שָׁם עַיֵּן שָׁם וְכוּ' וְכוּ.'

איז דער קשת הברית, איז געווארן נפלה ולא תוסיף, קום, בתולת ישראל. ואז הדיבור מותר בבחינת פתח פיך.

וזהו לא תלך רכיל ולא תעמוד על דם רעך, טייטשט דער רבי אזוי, 'רעך' דאס איז די מוחין, די מוחין הייסט 'תרין רעין דלא מתפרשין' די 'תרין מוחין' 'חכמה בינה' זיי טיילן זיך נישט אפ, זיי האלטן זיך איינס, אז די מוחין שטייען נישט אפ, זיי ווערן נישט בטל פון צו טוהן זייערע פעולות - ע"י תגבורות הדמים הלוחצים את המוחין, ע"ז ועסטו נישט עובר זיין אויף "לא תלך רכיל".

לא תלך רכיל - ווען ועסטו נישט עובר זיין אויף דעם לאו לא תלך רכיל? "לא תעמוד על דם רעך", אז די מוחין וועלן נישט אפשטיין דורך די דמים, כי אז הדיבור מותר בחינת פתח פיך ביומו דרבי שמעון וכו'.

זאגן טאקע אייגענע חידושים, דארף מען אויך נישט זאגן, מען זאגט דעם צדיק'ס דיבורים!

אייגענע חידושים איז שוין עפעס א - - (אנדער זאך)

(רמ"ב: דער רבי האט דאך געהייסן מחדש זיין!?) יא, איך מעג מחדש זיין, אבער מאכן דערפון א ספר און שרייבן לרבים איז שוין עפעס אנדערש, איך מעג מאכן א חידוש, ביים אויבערשטער וועט עס זיין חשוב, 'אבער לסגולתו' דארף זיין 'ישרא"ל', דארף זיין - ל"י רא"ש.

יעקב - זאגט דער רבי, אז בחינת יעקב, בעיבור, איז 'בחר לו קה', דער אויבערשטער איז עס בוחר, אבער 'ישראל לי ראש' דעמאלט לסגולתו, מעג ער מודיע זיין פאר אנדערע אויך, אזוי זאגט דער רבי אין די תורה (תורה כ"א, אות ח').

# חידושים של שבת

ביים אויבערשטן איז חשוב יעדער חידוש, עס שטייט אין זוהר הק'[טו] אז ס'קומט שבת, ביי מוצאי שבת, די נשמה יתירה קומט ארויף למעלה, פרעגט דער

[טו] בזוהר ח"ג (פרשת שלח) דף קעג. כַּד נָפִיק שַׁבְּתָא, נִשְׁמָתִין סַלְּקִין, אִינּוּן דְּשָׁארוּ עֲלַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל. וְנִשְׁמָתִין נַחְתִּין, אִינּוּן נִשְׁמָתִין דְּצַדִּיקַיָּיא כֵּיוָן דְּסַלְּקִין כֻּלְּהוּ נִשְׁמָתִין דְּשָׁארוּ עֲלַיְיהוּ דְּיִשְׂרָאֵל. סַלְקֵי וְקַיְימִין בְּדִיוּקְנָא קַמֵּי מַלְכָּא קַדִּישָׁא, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ

אויבערשטער יעדע נשמה וואס האט זי מחדש געווען עפעס חידושים ?! דו ביסט געווען ביי דעם און דעם, וואס פאר עפעס א חידוש האט ער מחדש געווען? און דער אויבערשטער פריידט זיך מיט די חידושים, אה, דער אויבערשטער פריידט זיך מיט די חידושים, אבער מאכן א ספר, מאכן גאנצע געשעפטן, דארף מען זיין ישרא"ל, דארף מען ל"י רא"ש, האבן א מח!

דער רבי האט געהייסן מחדש זיין חידושים אבער נישט מאכן ספרים דערפון און דרוקן, א גאנצער געשעפט דערמיט, צו דעם דארף מען האבן א מח, א הייליגן מח, ביים אויבערשטן איז עס חשוב!

אפילו - דער רבי ברענגט אין די תורה פון שמחת תורה, הושענא רבא,[טז] אז אפילו ער גרייזט, 'ומגמגם בה בגמגומא דלא ידע', האט דער אויבערשטער אויך א נחת פון זיין לערנען, אבער אלץ אליין (פאר זיך, אבער) אז איינער קען לערנען מיט יענעם און ער וועט גרייזן (הרי) ער טאר נישט לערנען, יענעם זאגן גרייזן?!

דו אליין לערענסט - דו קענסט נישט, ס'איז ביים אויבערשטן חשוב, (אבער) אליין! אבער מאכן א ספר פון זיין לערנען און פסק'נען שאלות פון זיין לערנען, קען ער מכשיל זיין די וועלט, וועט ער חרוב מאכן די וועלט, דאס איז ביים אויבערשטן חשוב?!

דאס איז דאס, אזוי שטייט אין לקוטי מוהר"ן (סימן כ"א), ביים אויבערשטן איז חשוב די חידושים אפילו ער האט נאך נישט די שלימות המוחין, (בחי') יעקב, דער אויבערשטער איז בוחר אין די חידושים, אבער ישראל, ל"י רא"ש, לסגולתו - מעג ער שוין מודיע זיין פאר דעם עם סגולה, פאר אנדערע אויך.

# שיחת חברים

(רמ"ב: געדאנקען וואס ער האט אין 'ספורי מעשיות' אדער וואס?) **הער זיך איין, מען האט דארטן א חבר, מען רעדט פארן חבר - -**

---

הוא שָׁאִיל לְכֻלְּהוּ, מַאי חִדּוּשָׁא הֲוָה לְכוּ בְּהַהוּא עָלְמָא בְּאוֹרַיְיתָא. זַכָּאָה אִיהוּ מַאן דְּחִדּוּשָׁא דְּאוֹרַיְיתָא אַמְרַת קַמֵּיהּ. כַּמָּה חֶדְוָה עָבִיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא, כָּנִישׁ לְפַמַּלְיָא דִּילֵיהּ, וְאָמַר, שִׁמְעוּ חִדּוּשָׁא דְּאוֹרַיְיתָא, דְּאַמְרַת נִשְׁמְתָא דָּא דִּפְלוֹנִי, וְכֻלְּהוּ מוֹקְמֵי הַהִיא מִלָּה בִּתְרֵי מְתִיבְתֵּי. אִינוּן לְתַתָּא, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא לְעֵילָּא, חָתִים לְהַהִיא מִלָּה:

[טז] תורה ע"ד וז"ל שם כִּי 'הוֹשַׁעְנָא רַבָּא', הוּא בְּחִינַת דִּבּוּר בְּלֹא דֵעָה, שֶׁהוּא בְּחִינַת עֲרָבָה, כִּי עֲרָבָה דּוֹמָה לְשִׂפְתַיִם, כִּי אִיתָא בַּזֹּהַר הַקָּדוֹשׁ 'אִית מָאן דְּלָעֵי בְּאוֹרַיְתָא וּמְגַמְגֵּם בָּהּ בְּגִמְגוּמָא דְּלָא יָדַע, כָּל מִלָּה וּמִלָּה סָלְקָא לְעֵלָּא, וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא חָדֵי בְּהַאי מִלָּה, וְנָטַע לַהּ סָחֲרָנִין דְּהַהוּא נַחֲלָא, וְאִתְעֲבִדוּ מֵאִנּוּן מִלִּין אִילָנִין רַבְרְבִין, וְאִקְרוּן עַרְבֵי נַחַל.'

(השואל: מען זעהט דער פרפראות און ר' אברהם ר' נחמן'ס?) **דער פרפראות** (הרב מטשעהרין) איז געווען א איש צדיק, מען רעדט נישט פון אזעלכע אידן - רעדט מען נישט, מען קען זיך גלייכן צו זיי?! זיי זענען געווען הייליגע מענטשן, געווען קדושים וטהורים, ביי זיי איז געווען ל"י רא"ש, זיי האבן געהאט הייליגע מוחין, האבן זיי געמאכט לסגולתו, זאל איך זיך אויך גלייכן צו זיי?! איך זאל מאכן א ספר, ס'איז ביי מיר ל"י רא"ש?! ביי מיר איז נישט קיין לי ראש! אז מען רעדט צוזאמען - רעדט מען! דער רעדט, דער רעדט (אבל לעשות מזה ספר?!).

אפילו אין רבי'נס תלמידים, זיי האבן מחדש געווען חידושים, (אחד הנוכחים: ר' שמע'לע) ר' שמע'לע האט פארברענט, אפילו די אנדערע האבן נישט פארברענט, אבער זיי האבן נישט געדרוקט! זיי האבן געהאט חידושים און חידושים, נאר זיי האבן נישט געדרוקט, פארוואס? זיי האבן געוואוסט אז ס'איז ביים אויבערשטן חשוב די חידושים, אבער דרוקן, מאכן א געשעפט, האבן זיי נישט געוואלט מאכן דערפון!

**אל תרא יין כי יתאדם** (לומד אות ח') **וזה בחינת, 'ואף כי היין בוגד', בוגד** היינו בחינת גודין הנ"ל, בוגד איז טייטש פעלשן, אז די וויין איז בוגד איז נישט קיין ראש, שעל ידו הולך רכיל מגלה סוד, בבחינת 'נכנס יין יצא סוד', כי היין הוא בחינת גידין התגברות הדמים. פורים איז עפעס אנדערש! אבער אזוי איז די יין התגברות הדמים, א מענטש ווען ער טרינקט וויין - אינמיטן וואך טרינקן וויין?

שבת ביי קידוש טרינקט מען וויין, א סעודת מצוה מאכט מען ברכת המזון (על היין), אבער אזוי טרינקען וויין?! א פסוק איז דא אין משלי, 'אל תרא יין כי יתאדם', זאגט די גמרא, שאחריתו דם (סנהדרין ע'). דער רבי זאגט, מען טאר נישט טרינקען. אביסעלע! נאר שבת! ווייל דעמאלט איז א סעודת מצוה, קען איך מאכן קידוש, וואס איז דאס טרינקען וויין אינמיטן וואך?!

'אל תרא יין כי יתאדם', דאס איז אחריתו דם. איי דער וויין הייסט תירוש? ולמדו חז"ל זכה נעשה ראש, לא זכה נעשה רש, וואס הייסט לא זכה? שאינו מזכך את הדמים, דאס איז פגם הברית, מען איז נישט מזכך די בלוטן, דאס איז פגם הברית, ע"ז נעשה רש, שאין לו לחם מן השמים. מען האט אויבן געלערנט, ווערדליג תיקון הברית, אזוי איז מען זוכה צו פרנסה בנקל, לחם מן השמים - מן. אבער לא זכה, ער איז נישט

מזכך די דמים, פגם הברית, איז נעשה רש. האט ער נישט קיין לחם מן השמים, אבל זכה נעשה ראש, בחינת מוחין, היינו המשכת הלבנונית מן המוחין בבחינת ונוזלים מן לבנון כנ"ל:

דאס דארף מען זעהן אזוי ווי מיר האבן געזעהן ביי אונזערע מענטשן, ביי די אלטע חסידים, מען האט נישט געטרונקען קיין משקה, נאר צו מאכן קידוש, אדער א סעודת מצוה, דארטן ברכת המזון.

(השואל: א יארצייט?) ניין! אין אומאן איז געווען יארצייטן (שהביאו משקה לשתיה)?! דא (בא"י) האט מען געמאכט געשעפטן!

אין אומאן איז געווען אזוי, איינער האט געהאט פארמעג, האט ער גענומען צען אידן, ער האט זיי געגעבן אפעסן א סעודה (ביארצייט) דאס איז געווען א זאך.

אין אומאן איז געווען א שעווע קאך, א ביליגע קעך, אז ס'האט געהאט א גביר פון שטאט יארצייט, האט ער גענומען די [הוצאות פון] קעך, היינט איז זיין טאג, אלע ארעמעלייט זאלן עסן היינט אומזיסט, אויף זיין חשבון. ס'איז געווען גבירים אין אומאן, אין אומאן האט מען געוואוסט פון וויין?! ביי א יארצייט געבן וויין?! ווער האט געגעבן בראנפן?! איך האב געהאט יארצייט, איך האב קיינמאל נישט געגעבן קיין בראנפן, קיינמאל נישט געגעבן קיין וויין.

איך האב געהערט ר' אברהם שטערנהארץ האט דערציילט אז זיין טאטע ר' הערץ סופר, ס'איז געווען ר' נתן'ס יארצייט, האט ער אפגעקאכט א טאפ קארטאפלעס און נאכן תענית האט ער יעדן איינעם געגעבן - ס'איז דאך נאך א תענית - האט ער יעדן איינעם געגעבן א שיסעלע קארטאפל, א טעלערל! האט מען זיך אזוי מחי'ה געווען, ס'איז געווען זיינער א זיידע, - ר' נתן, האט ער א טאפ קארטאפל אפגעקאכט און יעדן איינעם געגעבן נאכן תענית, עשרה בטבת, מענטשן מחי'ה געווען און שוין, ער איז געווען ר' שכנא'ס א זון.

איך געדענק נישט אז מען זאל געבן משקה ביי א יארצייט, איך געדענק נישט קיינמאל נישט! מען פלעגט געבן צדקה געלט, צדקה געטיילט דארט פאר לעילוי נשמת.

דעם תם'ס משקה (וואסער) איז געווען! דער תם'ס משקה איז געווען, (השואל: אין אומאן האט מען געזאגט אזוי?) יא, דער תם'ס משקה.

(קורא לשון הסיפו"מ[יז]:) **ער האט געזאגט צו איר[יח], גיב מיר ביר, האט זי אים געגעבן וואסער; גיב מיר מעד, האט זי אים געגעבן וואסער; גיב מיר פלייש, האט זי אים געגעבן ברויט; - אנדערע מאכלים, האט זי אים געגעבן אלץ ברויט; א קאפטן, האט זי אים געגעבן - -**

- - - ער האט דאך געבעטן דעם אויבערשטן. קען זיין ווען ער בעט יא וואלט מען אים געגעבן פלייש, אבער אז ער האט געבעטן און נאכדעם גיט מען אים (ברויט) איז א סימן אז ער דארף פילן אינעם ברויט דארף ער פילן די פלייש. איך האב דאך געבעטן, פארוואס גיט מען מיר ברויט נאכן בעטן? איך האב דאך געבעטן אויף פלייש? פארוואס גיט מען מיר ברויט? (אלא מאי) מען וויל פון הימל אז איך זאל פילן אין די ברויט זאל איך פילן דעם טעם פון פלייש. ער האט געבעטן מען זאל אים גיבן מעד, ביר, און מען גיט אים ווייטער וואסער, וויל מען פון הימל אז די וואסער זאל זיין ביי דיר מעד.

(ר' יוחנן: מעד מעג מען טרינקן?) מעד דאס איז 'מי דבש', מעד איז נישט קיין משקה המשכר, מעד איז פון האניג, א משקה המשכר איז נאר שבת (פאר) קידוש[יט], אדער א סעודת מצוה[כ].

---

[יז] מעשה ט'.

[יח] בלוית חן מעשה ט' אות י"ז מבאר על מה שאמר אשתי דהיינו תפילה כמ"ש אשה יראת ה' וכמ"ש רביז"ל כמ"פ, וכעי"ז ברשימות של ר' חיים שלמה ראטנבערג שליט"א.

[יט] ראה ליקוטי הלכות שבת הלכה ז' אות ס"ח, וז"ל: צְרִיכִין לִזָּהֵר מְאֹד מִשְּׁתִיַּת הַיַּיִן בִּפְרָט בִּימֵי הַחֹל, כְּמוֹ שֶׁהִזְהִירוּ רַבּוֹתֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה וְכַמְבֹאָר בְּפָסוּק זֶה, אַל תֵּרֶא וְכוּ', אֲבָל אַף עַל פִּי כֵן בִּקְדֻשָּׁה יֵשׁ עִתִּים שֶׁמִּצְוָה לִשְׁתּוֹת יַיִן, שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת קִדּוּשׁ עַל הַכּוֹס יַיִן דַּיְקָא.

# "איר זענט מיין חיות"

(רמ"ב: שמחת תורה?) שמחת תורה - ס'איז געווען אמאל ר' נחמן טולטשינער וואס האט אמאל געטרונקען שמחת תורה צו פיל, איז ער געפאלן ר' נתן'ען צו די פיס, ער האט אים געקושט אין די פיס, און ער האט אים געזאגט: "איר זענט מיין חיות, איר זענט מיין לעבן, איר קוויקט מיר", שוין. ר' נתן האט אים געשוויגן, צומארגנס האט ר' נתן אים אזוי געזאגט: "די דיבורים וואס דו האסט גערעדט איז אמת, נאר נישט שמחת תורה!".

(השואל: נאר ווען יא?) **פורים!** (רמ"ב: ער האט געמיינט צו זאגן אז ער האט נישט געדארפט אזוי טרינקן?) **יא, אוודאי.**

**די דיבורים איז אמת! די דיבורים צו ר' נתן'ען איר זענט מיין חיות, איר קוויקט מיר, איז אמת, אבער נישט שמחת תורה, שמחת תורה איז 'דעת', פורים איז דאך 'עד דלא ידע', פורים איז דאך אן דעת, שמחת תורה איז דאך א טאג פון דעת. ער האט געטרונקען אביסל מערער! אזוי** (בלי שתיה) **וואלט ער נישט גערעדט צו ר' נתן'ען אזוי, זאגן אין די אויגן אריין אזעלכע ווערטער וואלט ער נישט געזאגט, ער האט געטרונקען אביסל מערער, האט ער ארויסגעגעבן וואס ער האט אין הארץ, וואס זיין הארץ גלוסט, די דיבורים איז אמת! אבער נישט שמחת תורה!**

**איז אפילו שמחת תורה נישט, א גאנץ יאר אוודאי נישט! דאס איז אונזער הלכה[כא]!** (שלא לשתות משקה המשכר בכל השנה, אלא רק בפורים).

[כ] כמ"ש בליקוטי הלכות יין נסך הלכה ד' אות ד': כִּי אֵין רָאוּי לִשְׁתּוֹת יַיִן וּמַשְׁקֶה הַמְשַׁכֵּר כִּי אִם מְעַט לְהַרְחִיב דַּעְתּוֹ, וְגַם זֶה בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב וּבִסְעֻדַּת מִצְוָה דַּיְקָא.

[כא] ובכוכבי אור כתב: כִּי מְאֹד צְרִיכִין לִזָּהֵר לְמַעֵט בִּשְׁתִיַּת מַשְׁקִין הַמְשַׁכְּרִין בְּכָל הָאֶפְשָׁרוּת גַּם בְּשַׁבָּת וְיוֹם טוֹב, וַאֲפִלּוּ בְּשִׂמְחַת תּוֹרָה וְלֹא כַּטּוֹעִים בָּזֶה.

על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **אלי' פאדווא** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו
כמר **חנוך דוב** נ"י
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **יואל זילבערשטיין** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל שמחת היכנס בנו
כמר **אלכסנדר יו"ט ליפא** נ"י
לעול התורה והמצוות

מוה"ר **נתן פיש** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**אירוסי בתו למזל טוב**

מוה"ר **אברהם דוד שווארץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת
**אירוסי בתו למזל טוב**

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה